ה. מ׳איז רגיל צו לערנען א פסוק חומש מיט רש"י, איז דא א רש"י וואס ער שטעלט זיך אויף פרק ל"ב פסוק י"א, וואס די רש"י איז גאר א קורצע רש"י, און מען לערנט דאס דורך ווי א וואסער, און די מפרשי רש"י שטעל זיך נאר אויף עטליכע פרטים, וכמדובר כמה פעמים אז אויף די גאר פשוט׳סטע ענינים וואס "זיינען איבגאבצן ביס פאר- שטאנדיק שטעלט זיך קיינער נישט, איז בנוגע אט דער רש"י, אז עס זיינען דא כמה ענינים וואס זיינען נישט פארשטאנדיק און מ׳שטעלט זיך נישט אויף דעם.

רש"י שטעלט זיך אויף דעם פסוק "למה הוי׳ יחרה אפך בעמך אשר הוצאת וגו׳", דאס קומט בהמשך צו דעם וואס דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה רבינו בנוגע צו דעם מעשה העגל אז עס איז געווען "סרו מהר מן הדרך אשר צויתם" (שם,ח), במילא איז "ועתה הניחה לי ויחר אפי בהם ואכלם" (שם,י), און אויף דעם איז געווען "ויחל משה את פני הוי׳ אלקיו ויאמר למה ה׳ יחרה אפך בעמך", פארוואס דארף זיין דער "ויחר אפי".

שטעלט זיך רש"י אויף דעם, ווארום בפשטות איז דא שווער צו רש"י [וואס דעריבער דארף ער דאס מפרש זיין], ווי קומט דאס אז משה רבינו זאל טענה׳ן "למה ה׳ יחרה אפך", רשעת זיי [illegible]



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב א : שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (3) {5} עמוד מס : 591 הודפס ע"י אוצר החכמה

ע"ז, און עס איז געווען "סרו מהר מן הדרך", און ווי מ'זעט אז משה אליין האט געמאכט פון דעם א גאנצן סטורם, און ס'איז געווען "וישרף באש ויטחן עד אשר דק וגו'" (תשא לב, כ), און ער האט געהייסן הרג'נען, ווי רש"י (שם) מאכט דעם חילוק פון בעדים אדער שלא בעדים וכו', און דאס איז אלץ געווען ווייל זיי האבן געמאכט דעם עגל און געזאגט "אלה אלקיך ישראל אשר העלוך מארץ מצרים", און זיי האבן געדינט צו דעם, דארף דאך בפשטות יע זיין "ויחר אפי", אלזו וואס איז משה רבינו'ס טענה צו דעם אויבערשטן "למה ה' יחרה אפך", און מ'געפינט אפילו ניט אז דער אויבערשטער זאל ענטפערן אויף דער טענה, וואס דאס באווייזט אז ס'איז א סטארקע טענה - ולכאו' פארוואס?

צוליב אט דער קשיא זיינען דא טאקע מפרשי החומש וואס לערנען אז "למה" מיינט דא ע"ד ווי עס וואלט געשטאנען "לא", אז משה רבינו האט געבעטן ביי דעם אויבערשטן אז עס זאל ניט זיין "יחרה אפך", ווייל צו לערנען בפשטות אז משה האט גע'טענה'ט "למה יחרה", פון לשון "פארוואס", איז לכאו' קיין טענה ניט.

אבער רש"י נעמט אן כפשוטו, אז "למה" איז מלשון "פארוואס", שטעלט זיך דעריבער רש"י אויף דעם פרעגן וואס איז דאס פאר א טענה, און ער זאגט אויף דעם: "כלום מתקנא אלא חכם בחכם גבור בגבור", אז ווען איז שייך אז בא איינעם זאל זיין "יחרה" אויף א צווייטן, איז דאס בשעת יענער האט אן ערך צו איהם, א חכם איז מתקנא אין א צווייטן חכם, און א גבור אין א גבור, אבער ניט אויף איינעם וואס איז נידעריקער פון איהם, במילא האט משה רבינו גע'טענה'ט ווי קומט דאס אז "יחרה אפך" - וואס פאר א באטרעף האט דער עגל לגבי דעם אויבערשטן, אז דאס זאל פועל'ן אז "יחרה אפך". ע"כ ווי מען לערנט רש"י כפשוטו.

דא ווערט אבער גלייך שווער:

א) פארוואס דארף רש"י ברענגען צוויי דוגמאות סיי "חכם בחכם" און סיי "גבור בגבור", רש"י האט געקאנט ברענגען נאר איין דוגמא, וואלט מען שוין פארשטאנען דעם ענין?

מען וואלט געקאנט זאגן אז דאס וואס רש"י ברענגט דוקא די דוגמאות, איז דאס ווייל דאס איז דער לשון אין פסוק (ירמי' ט, כב) "אל יתהלל חכם בחכמתו גו' הגבור בגבורתו", איז וויבאלד דער פסוק באנוצט זיך מיט די לשונות דעריבער בריינגט רש"י אויך די לשונות.

אבער לפי"ז ווערט שווער: אויב דאס וואס רש"י ברענגט דא די לשונות איז דאס ווייל אין פסוק שטייען די לשונות, האט ער געדארפט ברענגען אויך דעם דריטן ענין וואס דער פסוק זאגט, "עשיר בעשרו", פארוואס ברענגט רש"י ניט דעם דריטן אופן?

וועט מען זאגן אז רש"י ברענגט עס ניט, ווייל רש"י איז ניט געבונדן מיטן לשון הפסוק, און ער ברענגט נאר וואס איז מוכרח אין פשטות הכתובים - איז דאס טאקע ריכטיק, רש"י איז ניט געבונדן מיט'ן לשון הפסוק, אבער אויב אזוי דארף ער די ערשטע צוויי ענינים אויך ניט ברענגען - און עס וואלט געווען מספיק ברענגען נאר איין ענין.

נאך מער: בשעת מ'גיט א קוק אין גמ' (ע"ז נה, א) וואו עס ברענגט זיך דער ענין [אבער דאס איז בנוגע אן אנדער פסוק, אויף (דברי ד, כד) "אל קנא"] וואס רש"י איז מעתיק זיין פי' פון

- יענע גמ' -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב א : שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (3) {5} עמוד מס : 592 הודפס ע"י אוצר החכמה

יענע גמ', שטייט טאקע "חכם בחכם וגבור בגבור [און מ'לייגט דערנאך צו] ועשיר בעשרו", איז פארוואס ברייגנגט ניסט רש"י אויך דעם ענין פון עשיר?

נאר וועט מען זאגן כנ"ל, אז היות רש"י איז נאר מבאר פשוטו של מקרא, דארף ער ניסט ברייגנגען לשונות וואס זאלן שטימען מיט פסוקים און גמרות, אויב אזוי ווערט צוריק שווער: פארוואס דארף רש"י ברייגנגען צוויי דוגמאות, פארוואס איז ניסט גענוג ברייגנגען נאר איין דוגמא - "חכם בחכם"?

ב) וואו איז מרומז דער ענין פון "חכם וכו' גבור"אין דעם ענין, / בנוגע דעם אויבערשטן? וויבאלד ער זאגט עס אלס משל אויף דעם אויבערשטן אין דעם ענין, דארף עס האבן א שייכות.

ג) פארוואס זאגט רש"י דא א טעם פארוואס עס זאל ניסט זיין דער "יחרה אפך", בשעת ער אליין האט שוין אין א פריערדיקן ארט מבאר געווען פארוואס עס דארף ניסט זיין קיין "יחרה אפך" [וואס די קסיא פרעגן אויך די מפרשים]:

אין פ' יתרו שטעלט זיך רש"י אויף דעם וואס עס שטייט (כ,ב) "אנכי הוי' אלקיך" לשון יחיד, און איז מבאר אז דאס איז "כדי ליתן פתחון פה למשה ללמד סניגוריא במעשה העגל [בשעת עס וועט זיין די מעשה העגל און דער אויבערשטער וועט האבן א טענה צו די אידן] וזהו שאמר למה הוי' יחרה אפך לא להם צוית לא יהי' לכם אלקים אחרים אלא לי לבדי", וויבאלד עס שטייט בלשון יחיד "אלקיך" איז דאס נאר בעזאגט געווארן צו משה, במילא דארף ניט זיין "יחרה אפך".

האט מען דאך שוין א ביאור אויף דער טענה פון משה "למה ה' יחרה אפך", ווייל "אלקיך" איז געווען בלשון יחיד, איז פארוואס דארף ער איצטער אנקומען צו א נייעם ענין פון "כלום מתקנא אלא חכם בחכם גבור בגבור"?

דער שפתי חכמים פרעגט אויך די קסיא, און זאגט אויף דעם "זה וזה יכשר"אבער כאמור כ"פ, אז וויבאלד רש"י איז מפרש פשוטו של מקרא האט ביט קיין ארט מפרש זיין איין מאל אזוי, און א צווייטן מאל אנדערש.

ובמילא אויב רש"י מיינט צו זאגן ביידע פירושים האט רש"י געדארפט דא ברייגנגען אויך יענעם פי' פון פ' יתרו, ווארום רש"י פארלאזט זיך ניסט אז דער קינד וועט בעדייבקען וואס ער האט פריער געלערנט, האט ער דאס געדארפט דא נאך אמאל איבער'חזר'ן, אדער עכ"פ האט ער דאס געדארפט ברייגנגען אלץ א ד"א, ד.ה. זאגן דעם פי' פון דאנען און דערנאך זאגן ד"א דעם צווייטן פי', און לפועל ברייגנגט רש"י אינגאנצן ביסט דאס וואס ער האט פריער מבאר געווען?

נאך מער: עפי"ד וואלט געווען מובן דער ווארט "בעמך" וואס שטייט אין פסוק: "עמך" האט דאך ניט געהערט "אנכי גו'", ווארום עס איז געזאגט געווארן צו מיר (משה), און ניט צו זיי; ובמילא וואלט "בעמך" געווען א הסבה פארוואס "לא יחרה אפך"; ולפועל ברייגנגט רש"י אראפ פון פסוק נאר "למה ה' וגו'", אדער ווי עס איז אין אנדערע גירסאות אויך די ווערטער "יחרה אפך"; אבער מער ברייגנגט ער ניסט פון פסוק, וואס פון דעם איז מובן אז צו דעם פי' וואס

- רש"י -



הנחת הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב א: שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק {3} {5} עמוד מס: 593 הודפס ע"י אוצר החכמה

רש"י זאגט איז נבט נוגע בריינגען פון פסוק אויף דעם "עמך", ווייל דאס ביט ניט צו - ולכאו' וואלט רש"י געדארפט מדייק זיין דעם "בעמך" אז דעריבער "למה ה' יחרה אפך"?

ד) כמדובר לעיל איז דא א קלאץ קשיא וואס קיינער שטעלט זיך נישט אויף דעם: דא זעט מען אז משה רבינו האט גע'טענה'ט צו דעם אויבערשטן "למה ה' יחרה אפך" מצד "כלום מתקנא אלא חכם בחכם גבור בגבור", ד.ה. אז די טענה איז א שטארקער טענה; נאך מער: מען בעפינט נישט אז דער אויבערשטער האט אים עפעס געענטפערט אויף דעם, ד.ה. אז דער אויבערשטער האט אנגענומען זיין טענה, באווייזט דאס נאך מער די שטארקייט פון די טענה - וועדט לפי זה אינגאנצן נישט פארשטאנדיק;

פריער בא די עשה"ד איז דער אויבערשטער געקומען מיט א גאנצן שטורעם אז "לא יהי' לך אלקים אחרים", ולכאורה וואס איז אזוי דער געוואלד אז "לא יהי' אלקים אחרים" - כלום מתקנא אלא הכם בחכם וגבור בגבור, איך וואס האט דער אויבערשטער געמאכט פון דעם א גאנצן שטורעם? אויב די אלקים אחרים וואלטן געהאט עפעס אן ערך צום אויבערשטן וואלט בעפאסט אז דער אויבערשטער זאל באווארענען אז מ'זאל נישט גיין צו אלקים אחרים נאר דינען צו עם, אבער אז די אלקים אחרים האבן בכלל נישט קיין ערך צום אויבערשטן, איז פארוואס מאכט ער א גאנצן טומל וועגן דעם?!

הגם אז דעם ענין פון "כלום מתקנא אלא הכם בחכם גבור בגבור" האט רש"י ערשט אויסגעטייטשט דא אין פ' תשא, אבער אין פ' יתרו האט דער קינד נאך נישט געוואוסט וועגן דעם, האט רש"י אבער עב"פ דא אין פ' תשא בעדארפט באווארענען פארוואס האט דער אויבערשטער געמאכט אזא טומל פון איסור ע"ז?

און דאס האט רש"י געדארפט מבאר זיין נאך פריער אין פ' תשא גופא: בלייך בשעת דער פסוק (לב,ח) זאגט "סרו מהר מן הדרך אשר צויתים עשו להם עגל מסיכה" האט דארטן רש"י געדארפט באווארענען, ווי קומט דאס אז דער אויבערשטער זאל זיך רעכענען מיט דעם. ובכלל מאכט דאס שוואך דעם גאנצן איסור פון ע"ז: וואס ארט עס דעם אויבערשטן אזוי שטארק?! די ע"ז האט דאך ניט קיין ערך צו אים?!

וכמדובר כמה פעמים אז די אלע ענינים דארפן זיין מוכרח עפ"י פשטות הכתובים און מובן אפילו צו א בן חמש למקרא, וכפי שיתבאר לקמן.

בנוגע רש"י: דאס וואס רש"י לערנט דא נישט ווי אין פ' יתרו אז היות עס ·שטייט דא "עמך", דעריבער - האט משה גע'טענה'ט צום אויבערשטן - "למה ה' יחרה אפך", ווארום צו "עמך" איז בעזאגט בעווארן "אלקיך" בלשון יחיד, במילא איז עס נישט בעוועזן צו זיי -

קאן רש"י אזוי נישט לערנען דא, ווארום דער ווארט "עמך" ביים נישט אויף "אפך" נאר דאס בייט אויף ווייטער: ער זאגט "למה ה' יחרה אפך בעמך אשר הוצאת מארץ מצרים בכח גדול וביד חזקה", איז ·דער "בעמך" בייט אויף ווייטער, "בעמך אשר הוצאת מאמ"צ", ד.ה. אז דער קוועטש דא איז נישט דאס וואס דאס איז "בעמך", נאר דאס וואס "הוצאת ·מאמ"צ וגו'", דעריבער קאן רש"י נישט מדייק זיין דעם "בעמך".

נאר רש"י איז מדייק "למה ה' וגו'", אדער ווי די גירסאות "למה ה' יחרה אפך", ווארום מיט די ווערטער אליין זאגט שוין רש"י וואס איז געוועזן משה רבינו'ס טענה: פארוואס "יחרה אפך"? די אידן האבן טאקע בעטאן א גרויסע עבירה, "סרו מהר מן הדרך גו' עשו להם עגל מסיכה" (תשא לב,ח), אבער פארוואס קומט דערפאר "יחרה אפך" אז ס'זאל זיין "ואכלה אותם כרגע"?!



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב א : שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (3){5} עמוד מס : 595 הודפס ע"י אוצר החכמה

עס זיינען דא כמה עבירות וואס ווערן דערציילט אין דער תורה פריער, ע"ד ווי (משפטים כב,יז) "מכשפה לא תחי'" זאגט רש"י "אלא תומת בבי"ד", אז מ'דארף האבן א בי"ד וואס איז חוקר ודורש וכו' און דערנאך קען מען ערשט געבן מיתה, אבער מ'קען ניט גלייך אפ'פסק'נען "ואכלה אותם כרגע", ניט דאס איז דער סדר פון פסק'ענען דינים אויף עוברי עבירה – ס'איז טאקע אן עבירה, וואדום דער אויבערשטער האט אנגעזאגט "לא יהי' לך אלקים אחרים", דאס איז א ציווי פון אויבערשטן אז מען זאל נישט דינען ע"ז, טאר מען נישט דינען ע"ז – הגם דאס האט נישט קיין ערך צום אויבערשטן – אבער דערפאר קומט נאך ניט "יחרה אפך".

דאס קומט בהמשך צו פריער: דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה'ן "ועתה הניחה לי ויחר אפי בהם ואכלם ואעשה אותך לגוי גדול" – וואס פון דעם גופא איז מובן אז כדי ס'זאל זיין "ואכלם" האט געדארפט זיין "ויחר אפי בהם", ווארום ניט דאס איז דער סדר הרגיל פון עונשים; דעריבער האט משה גע'טענה'ט פארוואס קומט זיי דער "ויחר אפי בהם" וואס איז גורם "ואכלם"? מען געפינט ערגעץ נישט אזא סדר. "מכשפה לא תחי'" דארף זיין ע"י חקירת ודרישת בי"ד, און דאס ווערט דורכגעפירט דורך בי"ד, אבער פארוואס גלייך "ואכלה אותם כרגע", וואו געפינט מען אזא זאך? עס קומט זיי טאקע אן עונש, אבער פארוואס אין אזא אופן?!

אפי' בא דעם ערשטן חטא, וואס דאס איז געווען דער חטא עה"ד, וואס דארט איז געווען דער ציווי וואס דער אויבערשטער האט אנגעזאגט אז פון עה"ד טאר מען נישט עסן, און דער ציווי איז געווען פון דעם אויבערשטן גלייך צו אדם הראשון, און ער אליין האט דאס געהערט פון דעם אויבערשטן, און דער אויבערשטער האט אים אנגעזאגט אז אויב ער וועט עסן איז "ביום אכלך ממנו מות תמות" (בראשית ב,יז), אעפ"כ אז אדם הראשון האט זיך נישט געקאנט איינהאלטן און האט געגעסן פון עה"ד, איז נישט געווען קיין "ואכלה אותם כרגע", נאר אדם הראשון האט געלעבט נאך דעם ניין=הונדערט=און=דרייסיק יאר,

איז מה-דאך ביי אזא חטא וואס אדם האט דאס אליין געהערט פון דעם אויבערשטן, און דער אויבערשטער האט אים בפי' אנגעזאגט אז "ביום אכלך ממנו מות תמות", פונדסטוועגן אז ער האט דאס געגעסן, איז נישט געווען קיין "ואכלה אותם כרגע", איז פארוואס זאל דא זיין "ויחר אפי בהם (ביז) ואכלם"?!

נאך מער: דער עונש איז נאך א גרעסערער: דער אויבערשטער האט געזאגט "ואכלם" אויף אלע אידן, אפי' טף ונשים וואס זיינען נישט מחויב אויף דעם, והא ראי', דער אויבערשטער האט דאך געזאגט "ואעשה אותך לגוי גדול", און אויב די טף וואלטן געבליבן לעבן איז דאך ניט "ואעשה אותך לגוי גדול", דאס איז נישט דוקא פון משה רבינו, נאר דער גוי גדול קאן דאך ווערן פון די טף; און אויך זעט מען דאס פון דעם וואס משה רבינו האט גע'טענה'ט (רש"י לב,יג) "אם כסא של ג' רגלים אינו עומד לפניך בשעת כעסך ק"ו לכסא של רגל א'", און אויב די טף וואלטן געבליבן, וועט דאך בלייבן דער כסא פון ג' רגלים

דאס איז געווען משה רבינו'ס טענה: דער אויבערשטער האט געזאגט "ואכלם" אויף אלע אידן, אפי' טף וואס זיינען אונטער י"ג סנה – פארוואס קומט זיי אויך דער עונש! ועד"ז פארוואס קומט די נשים



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב א: שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (3) {5} עמוד מס: 596 הודפס ע"י אוצר החכמה

דער עונש?! זיי האבן דאך ניטש געדינט קיין ע"ז. [ובפרט לויט ווי מ'טייטשט וואס עס שטייט פריער (לב,ג) "ויתפרקו כל העם את נזמי הזהב", אז כאטש אהרן האט געזאגט (שם,ב) "פרקו נזמי הזהב אשר באזני נשיכם", האבן זיי אבער געבראכט די אייגענע ווייל די נשים האבן ניט געוואלט געבן - וראה פרש"י (שם)] איז פארוואס איז געקומען זיי דער עונש?!

דאס איז געווען משה רבינו'ס טענה בהמשך צו דעם וואס דער אויבערשטער האט אים געזאגט "ועתה הניחה לי ויחר אפי בהם ואכלם ואעשה אותך לגוי גדול", איז בהמשך לזה געקומען די טענה פון משה רבינו "למה ה' יחרה אפך", פארוואס קומט זיי "ויחר אפי"?

דאס איז רש"י מבאר מיט "כלום מתקנא אלא חכם בחכם גבור בגבור" - ווי קומט דאס אז דא איז דער ענין פון "מתקנא": זיין קשיא איז ניט געווען פארוואס ס'קומט זיי אן עונש - נאר פארוואס "מתקנא", "יחרה אפך"? "מתקנא" פאסט נאר ווען איינער האט אן ערך צום צווייטן, איז ער זיך מתקנא אין צווייטן, משא"כ אבער דא, וואס פאר א מתקנא פאסט צו זאגן בשעת די אידן האבן געדינט ע"ז? ע"ז האט דאך ניט קיין ערך צום אויבערשטן!

בנוגע דעם עונש איז אדרבה: וואס קלענער ס'איז די מציאות פון ע"ז קומט אויף דעם א גרעסערער עונש, ווארום מילא בשעת מ'וואלט געקענט דינען ע"ז מיט א שכל והסברה, ווייל דאס האט עפעס א ווערדע וכו', יעמולט וואלט ניטש געקומט אזא גרויסער עונש, ווארום ער האט לכה"פ עפעס אין דעם, משא"כ בשעת איינער דינט עצים ואבנים, וואס זיי זיינען "בארות נשברים אשר לא יכילו המים" (ירמי' ב,יג), זיי זיינען בכלל גארניט, פאר דעם קומט א גרעסערער עונש, ווארום דאס האט קיין תוכן ניטש, און דער גאנצער טעם פארוואס ער האט זיך געבוקט צו דעם איז נאר ווייל אזוי      האט עס אים אנגעכאפט, ניטש מצד זיין תאוה ניטש מצד תאבון, נאר מצד ע"ז, ווארום קיין אנדער טעם קאן ניטש זיין אין דעם, יעמולט פאסט אז מען זאל אים געבן א גרעסערן עונש,

במילא בשעת די אידן האבן געדינט ע"ז, וואס ע"ז איז "אלקים אחרים", ווי רש"י (יתרו כ,ג) זאגט "שאינן אלקות אלא אחרים עשואם אלקים עליהם" [רש"י זאגט אז זיי זיינען ניט "אלקים אחרים", עכ"פ עפעס א מציאות, נאר אחרים האבן זיי געמאכט פאר אן אלקים, ווארום מצ"ע זיינען זיי בכלל קיין מציאות ניטש] במילא קומט אויף דעם א גרעסערער עונש.

אבער די טענה פון משה רבינו איז געווען "למה ה' יחרה אפך" - כלום מתקנא?! בנוגע מתקנא איז דאך פונקט פארקערט, אויב ס'איז ניטש קיין מציאות פאסט ניט קיין "ויחר אפי", "כלום מתקנא אלא חכם בחכם"?! דוקא איינער וואס האט אן ערך צו אים, פאסט אז עס זאל זיין מתקנא, אבער ווי פאסט אויף אן ע"ז וואס איז קיין מציאות ניטש אז דער אויבערשטער זאל זיך מתקנא זיין? דאס איז טאקע "חטא העם חטאה גדולה" (לב,לא) עס איז טאקע א גרויסע עבידה ביז אז "וביום פקדי ופקדתי" (שם לד), און עס קומט זיי אן עונש, אבער וואס איז דאס אנדערש ווי "מכשפה לאחרי" וכיו"ב, וואס ס'איז ניט באופן "ויחר אפי"?

און דא זאגט רש"י איוידי לסונה "חבה בחכם גבור בגבור",



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב א : שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (3) {5} עמוד מס : 597 הודפס ע"י אוצר החכמה

פארוואס עפעס די בײדע לשונות? נאר ווײל דאס איז געווען אין משה רבינו'ס טענה: דער אויבערשטער האט געזאגט צ.ו אים "לך רד כי שחת עמך אשר העלית מארץ מצרים וגו' ויאמרו אלה אלקיך ישראל אשר העלוך מארץ מצרים" און דערפאר "ועתה הניחה לי ויחר אפי בהם ואכלם", אויף דעם איז געקומען די טענה פון משה רבינו צוריק "למה ה' יחרה אפך בעמך אשר הוצאת מארץ מצרים בכח גדול וביד חזקה", ד.ה. אזבאם אויבערשטין איז געווען "ויחר אפי" צוליב דעם וואס זײ האבן געזאגט אויף די ע"ז "אשר העלוך מארץ מצרים".

אויף דעם האט משה רבינו געזאגט "אשר <u>הוצאת</u> מארץ מצרים בכח גדול וביד חזקה", מײנענדיק דערמיט אז בײ ע"ז איז דאס ניט שײך, נאר דער אויבערשטער קאן דאס טאן, און האט דאס געטאן, איז פארוואס זאל זײן "מתקנא" צוליב <u>דעם</u>; דערפאר כאפט רש"י אן "גבור בגבור", ווײל יציאת מצרים איז פארבונדן מיט גבורה, און דאס איז ניט שײך בײ ע"ז.

אויך זעט מען דא–דעם ענין פון חכם: דער ערשטער ענין וואס דער פסוק זאגט איז"(למה ה' יחרה אפך)בעמך", וואס דאס קומט בהמשך צו "שחת עמך"– אין וואס איז באשטאנען דער "שחת עמך"? אין די טענות וואס עמך האבן געזאגט – וואס עמך האט געזאגט אויפן עגל "אלה אלקיך ישראל אשר העלוך מארץ מצרים"; און נאך פאר דעם "קום עשה לנו אלקים אשר ילכו לפנינו", ד.ה. אז דער עגל זאל זײ פירן בעם וועג אין מדבר; נוער קאן פירן דעם וועג אין מדבר? אויף דעם דארף מען האבן אײנעם נואס נויסט די וועגן ווי צו גײן וכו', וואס אויף דעם דארף מען זײן א חכם; במילא קומט אויס אז די אידן האבן געזאגט אויף דעם עגל אז ער איז א חכם; ועד"ז האבן זײ געט'ענה'ט אז ער איז א גבור, "אשר העלוך מאמ"צ".

אויף דעם איז געקומען די טענה פון דעם אויבערשטן צו משה'ן "לך רד כי שחת עמך אשר העלית מאמ"צ", וואס דא האט דער אויבערשטער געמײנט בײדע ענינים וואס זײ האבן געזאגט, אז דער עגל זאל "ילכו לפנינו", וואס דאס איז דער ענין פון חכם, און סײ "אלה אלקיך ישראל אשר העלוך מאמ"צ", וואס דאס איז דער ענין פון גבור, דערפאר איז געקומען דער ענטפער פון משה רבינו צו דעם אויבערשטן, "למה ה' יחרה אפך בעמך אשר הוצאת מאמ"צ בכוח גדול וביד חזקה – אויך צוויי ענינים: א) בעמך – זײ זײנען <u>דײן</u> עם (ד.ה. <u>דו</u> פירסט זײ אין מדבר?); ב) אשר הוצאת מאמ"צ בכח גדול וביד חזקה.

פון דעם נעמט רש"א זײן הכרח סײ אויף "חכם בחכם" און סײ אויף "גבור בגבור"; וואס דאס ברײנגט ניט רש"י ווײל דער לשון שטײט אין א פסוק ערגעץ אנדערש, נאר דאס איז מוכרח פון <u>דעם</u> פסוק, משא"כ"עשירבעשיר" זאגט ער ניט, ווארום דאס האט קײן שײכות ניט אהערצו.

עס איז נאך געבליבן אײן דיוק: פארוואס לערנט ניט רש"י ע"ד ווי ער לערנט אין יתרו, אז "למה ה' יחרה אפך" איז ווײבאלד "אנכי ה' אלקך" איז געזאגט געווארן בלשון יחיד, נאר ער זאגט א נײעם ענין "כלום מתקנא וכו'", וכפי שיתבאר לקמן.

אוצר החכמה

ת. אין רש"י איז נאך געבליבן צו מבאר זיין אן עניין ווי דאס איז ע"ד הפשט, און ווי דאס איז אין "יינה של תורה"; לכאו' דארף מען נאך אלץ פארשטיין דאס וואס משה רבינו האט גע'טענה'ט "כלום מתקנה אלא חכם בחכם גבור בגבור", דלכאורה וועז איז שייך צו זאגן אז דער אויבערשטער דארף זיך גישט רעכענען מיט די ע"ז, איז דאס נאר בשעת מ'רעט וועגן די ע"ז אליין, איז וויבאלד דאס איז נאר עץ ואבן און "עינים להם ולא יראו וגו'" פאסט גיט צו זאגן אז דער אויבערשטער איז זיך ·אין דעם מתקנא, ווארום דאס האט קיין ערך גישט צו דעם אויבערשטן.

אבער דא רעדט זיך דאך וועגן די אידן וואס האבן געדינט דעם עגל, און זיי האבן דאך גע'טענה'ט אז דאס איז דאך גישט סתם אן עץ ואבן, נאר זיי האבן געזאגט "אלה אלקיך ישראל אשר העלוך מארץ מצרים", זיי האבן געהאלטן אז דאס איז גאר אן ענין פון "אלקיך" – אויף דעם פאסט לכאו' יע עס זאל זיין מתקנא; ער איז זיך מתקנא אין די אידן וואס זיי האבן פארביטן דעם אויבערשטן אויף א צווייטע זאך, און אויף יענע זאך האבן זיי געזאגט אז דאס איז "אלקיך ישראל"?

איז דער ביאור אין דעם: אפילו דער איד אליין, אפילו בשעת החטא, ווייס אויך דעם אמת אז דאס איז נאר עץ ואבן, ווארום "גם בשעת החטא היתה באמנה אתו" (תניא פכ"ד), ד.ה. אז א איד ווייס אלעמאל דעם אמת, נאר דאס וואס ער זאגט בגלוי "אלה אלקיך ישראל" איז דאס נאר מצד דעם רוח שטות שנכנס בו, און אפילו ער אליין ווייס אויך אז דאס איז נאר מצד זיין רוח שטות, אבער גיט מצד זיין אמת'ע מציאות, ווי מען זאגט דעם לשון אז "נכנס בו רוח שטות" (סוטה ג,א), ד.ה. אז עס זיינען דא צוויי מציאות'ן: א) דאס וואס נכנס; און ב) דער בו, במילא איז דער גאנצער רוח שטות א צווייטע



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל״ב א: שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (3){5} עמוד מס: 604 הודפס ע״י אוצר החכמה

דאך פון אים, אבער ער אליין ווייס דעם אמת, וכידוע די תורה אויף "שמע ישראל", אז א איד מצ"ע וויל נאר זיין פארבונדן מיט אלקות, נאר מצד דעם רוח שטות זאגט ער אנדערש.

במילא מובן אז וויבאלד באמת זאגט ער אויך אז דאס איז נאר עץ ואבן פאסט ניט אויף דעם אז עס זאל זיין מתקבל.

עד"ז בנוגע "מיהו יהודי": זיי אליין ווייסן אויך אז דאס איז היפוך פון אלקות, און זיי ווייסן דעם אמת, אז א גוי איז א גוי און א איד איז א איד, און זיי אליין ווייסן אז די גזירה פון "מיהו יהודי" איז א גזירה איומה שלא היתה כמוהו, נאך ערגער פון אלע גזירות ושמדות וואס אידן האבן דורך געלעבט, און זיי אליין ווייסן אז דאס וואס זיי זאגן אנדערש איז דאס נאר וואס יצרו תקפו, אבער מצד אמיתות הענין איז דאס איינגאנצן ניט אמת, במילא מאנט מען פון זיי אז זיי זאלן נאר מודה זיין אז זיי האבן געמאכט א טעות-מער ביטש!

ביז עס וועט זיין דער "כי תשא את ראש בני ישראל" אז מ'וועט גיין מיט אויפגעהויבענע קעפ, נישט נתפעל ווערן פון דעם און דעם, ביז עס וועט זיין דער "ויקהל משה" אז ער קלייבט צונויף אלע אידן, וואס דאס איז דוקא דורך תורת משה, וואס דאס איז תורת אמת, ביז צו "אלה פקודי המשכן" וואס דער משכן איז א משכון וואס דער אויבערשטער האט גענומען פון אידן, און דערנאך וועט ער זיי דאס צוריק געבן, וואס דאס וועט זיין דורך משיח וואס יבנה ביהמ"ק במקומו וכו', וואס יעמולט איז דאס משיח ודאי (רמב"ם הל' מלכים ספי"א), און ער וועט אויפטאן אז עס זאל זיין "אז אהפוך אל עמים שפה ברורה לקרוא כולם בשם ה' שכם אחד" וכו'.

(התחילו לנגן הניגון איזו וואדיע מיא ניע פאטאנעם וכו' וכ"ק אדמו"ר שליט"א עמד מלוא קומתו ורקד על מקומו משך זמן.

אחר תפלת המנחה התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן עוה"פ את בניגון הנ"ל).

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב א : שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (3)} 5{ עמוד מס : 605 הודפס ע"י אוצר החכמה